**„דרײַ לידער פֿון „לידער פֿון טאָגבוך • Three poems from "Poems from my Diary"**

by Abraham Sutzkever, translation by Maia Evrona

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (December 2016)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/]

# דרײַ לידער פֿון „לידער פֿון טאָגבוך“

# Three poems from "Poems from my Diary"

Abraham Sutzkever
translated by Maia Evrona

Translator's note

These three poems are taken from the expanded edition of Abraham Sutzkever's collection *Poems from My Diary/Lider fun togbukh*. With the exception of "The Sea Tosses Its Drowned Silence Onto the Shore," they loosely follow the four-quatrain form of most of the *Diary/Togbukh* poems.

The extra fifth line in "Memory of the Well by My Cottage Near the Viliya" is, of course, why I use the word "loosely." This poem evokes the *Lite* of Sutzkever's early life, not simply because of the stated location—the cottage by the Viliya River—but because of the inclusion of the "dove-trapper." This term will probably sound strange to the average North American reader, particular those from urban areas, but bird trapping was once—and is still in some places in the world—a common practice, much like fishing. In the Eastern Europe that was Sutzkever's home, bird trapping was a small-time occupation, often practiced by young men of questionable character.

Reading the poem again, I wonder why this particular dove-trapper chooses to descend into a well shunned by birds. Reading all three poems together, I notice the inclusion of some form of water in each: well water, sea, the midnight rain. Each poem

also features a particular receptacle—a mailbox, a well, an ocean—and each of those receptacles has life inside of it. I am conflicted about whether it is my job as a translator to share these observations, so I will allow readers their own thoughts from here, and invite them to come to their own conclusions.

# The Sea Tosses Its Drowned Silence onto the Shore

The sea tosses its drowned silence onto the shore
and shrinks back with froth on its lips
into itself.

Barefoot little wanderer,
before the smooth salty moisture
clouds it over, engrave your will
with a twig on the seashore:
Thus and thus and thus.
A wave with pearl wings will swallow it
and carry it to the roller of waves
and he will read it.
Read it, bless it: Let it be as the little wanderer wishes.
And a rapt, singular smile
will emerge from the sand, resurrected.

The sea tosses its drowned silence onto the shore.

# Memory of the Well By My Cottage Near the Viliya

Memory of the well by my cottage near the Viliya:
when a servant girl sweetly splashed through it with her dives,
it embraced her with its firm rings
and the sunset was not extinguished in the well's abyss.

The girl jumped in along with her belly, since then
both the bucket and chain have been covered in rust
and neighbors have ceased to draw water from there
and the well has also been shunned the bird and its song.

A dove-trapper only, who was nursed in the dovecote's
cradle, has descended down that chain of rusted sparks
into the well at night, to its mirror,
where that full servant girl drowned herself seven times.

Sunrise—rising green and yellow and tipsy
from the brandy gushing up in this old well at night.
The devil knows why I now hear the dove-trapper's
melodies, when I go back further and further
towards home? Why do I, like him, drink the old well's poison?

# I Say To My Feet

I say to my feet: why does the rain at midnight give you fear?
Stand still, be patient, at the mailbox outside. So many secrets
inside. No one will stop you from lending an ear.
It's clearly not reading, heaven forbid!

And to read a flash of lightning on the parchment of clouds, could one dare?
And to hear what the rain whispers to the dead, could one dare?

Why should I not lend an ear to the mailbox and hear
the queen awaken in the beehive of letters?

I say to my feet: the strings of the rain are chains,
you are shackled! No clap of thunder can set you free.
I will stand at the letter-hive like one possessed and listen
to the silence of the unsaid between two divided friends.

May my thirsty body soak up every last bit of this fresh rain
and may my ear absorb now this music of secrets.
they will suddenly begin whispering over countries,
rattling quiet dwellings and setting fire to their beds.

דער ים וואַרט אַרויס אויפֿן ברעג זײַן דערטרונקענע שטילקייט
און קלענערט זיך אײַן מיט אַ שוים אויף די ליפּן
צוריק.

באָרוועסער וואַנדערלינג,
איידער עס וואָלקנט זיך אויס אויפֿן ים־ברעג
די גלאַטע געזאַלצענע פֿײַכטקייט,
פֿאַרשרײַב מיט אַ ריטל אויף דעם דײַן צוואה:
אַזוי און אַזוי און אַזוי.
אײַנשלינגען זי וועט אַ כוואַליע מיט פּערלנע פֿליגל
און ברענגען צום קײַקלער פֿון כוואַליעס
און ער וועט זי לייענען.
לייענען, בענטשן: זאָל זײַן ווי דער וואַנדערלינג ווינטשט זיך.
און טחית־המתים וועט אויפֿגיין פֿון זאַמד
אַ פֿאַרזונקענער איינציקער שמייכל.

דער ים וואַרפֿט אַרויס אויפֿן ברעג זײַן דערטרונקענע שטילקייט.

--

דערמאָנונג וועגן ברונעם בײַ מײַן כאַטע לעבן ווילִיע:
בשעת אַ דינסטמויד האָט אים זיס געפּליעסקעט מיט איר שפּרינגען,
אַרומגעאָרעמט האָט ער זי מיט זײַנע שטײַפֿע רינגען
און אויסגעלאָשן האָט זיך ניט אין ברונעם־תּהום די שקיעה.

אַרײַנגעשפּרונגען איז די מיידל מיטן בויך אין איינעם.
פֿון יעמאָלט האָט געזשאַווערט סײַ די קייט און סײַ דער עמער
און אויפֿגעהערט פֿון אים צו שעפּן וואַסער האָבן שכנים
און אויסגעמיטן האָט אים אויך דער פֿויגל און זײַן זמר.

אַ טויבן־כאַפּער בלויז, וואָס האָט געזויגן אינעם וויגל
פֿון טויבנשלאַק, האָט אויף דער קייט פֿון זשאַווערדיקע פֿונקען
אַראָפּגעלאָזן זיך בײַ נאַכט אין ברונעם, צו זײַן שפּיגל,
ווּ יענע פֿולע דינסטמויד האָט זיך זיבן מאָל דערטרונקען.

באַגינען — זיך אַרויפֿגעהויבן גרין און געל און שיכּור
פֿון בראַנפֿן וואָס האָט אָנגעקוואַלט בײַ נאַכט אין אַלטן ברונעם.
דער טײַוול ווייס אַלמאַי פֿאַרנעם איר איצטער די ניגונים
אַהיים? אַלמאַי איך טרינק ווי ער דעם סם פֿון אַלטן ברונעם?

--

איך זאָג צו מײַנע פּיס: וואָס האָט איר מורא פֿאַרן רעגן
אין האַלבנאַכט? בלײַבט געדולדיק שטיין בײַם פּאָסטקעסטל אין דרויסן.
אַזוי פֿיל סודות אינעווייניק. צולייגן אַן אויער
פֿאַרבאָט ניט קיינער. ס׳איז דאָך ניט קיין לייענען, חלילה.

און לייענען אַ בליץ אויף פֿאַרמעטענעם וואָלקן, טאָר מען?
און הערן וואָס אַ רעגן לוישפּערט צו די מתים, טאָר מען?
אַלמאַי זאָל איר ניט צולייגן צום פּאָסטקעסטל אַן אויער
און הערן ווי אין בריוון־בינשטאָק וועקט זיך אויף די מלכּה?

איך זאָג צו מײַנע פּיס: די רעגן־שנורן זענען קייטן,
איר זײַט געשמידט! ס׳וועט אײַך ניט קאָנען פֿרײַ לאָזן קיין דונער.
כ׳וועל שטיין בײַם בריוון־בינשטאָק אַ באַנומענער און הערן
דאָס ניט־דערזאָגטע שווײַגן פֿון צעשיידטע צוויי חבֿרים.

זאָל אײַנזאַפּן ביז גאָר מײַן דאָרשטיק לײַב דעם פֿרישן רעגן
און זאָל מײַן אויער אײַנזאַפּן אַצינד מוזיק פֿון סודות.
פֿונאַנדערסודען וועלן זיי זיך מאָרגן איבער לענדער,
צעוואַקלען שטילע ווינונגען און אונטערצינדן בעטן.